## ווי אַזוי האָט אליהו-הנבֿיא אַליין געהאַט אַ גילוי...?

רב ישׂראלקע ריזשינער האָט אַ מאָל פֿאַרציילט ווי אַזוי אליהו-הנבֿיא אַליין האָט געהאַט אַ גילוי....
רב ליבער-הגדול איז אַ מאָל געפֿאָרן אויף מסחר און געטראָגט אויף זיך זייער אַ גרויסע סומע געלט.
פֿאָרנדיק אין וועג האָט רב ליבער געהערט ווי אַ פֿרוי וויינט.
האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געפֿרעגט:

- פֿאַר וואָס וויינסטו?

האָט זי געענטפֿערט:

- איך בין אַן אַלמנה, איך האָב געהאַט אַ לעמעלע, פֿון דעם האָב איך געצויגן פּרנסה. פֿאַרקויפֿט מילך אויפֿן רינעק און מיט די פּאָר גראָשנס דערנערט מײַנע יתומים.
- טאָ, פֿאַר וואָס וויינסטו? וואָס איז געשען?
- דאָס לעמעלע האָט געפּגרט, פֿון וואַנען וועל איך איצט האָבן פּרנסה?
- וויין נישט, נעם דערווײַל האַנטגעלט און איך וועל דיר באַזאָרגן אַ פֿריש לעמעלע.

ווען רב ליבער איז אַרויס אויפֿן וועג צו קויפֿן אַ לעמעלע האָט זיך אליהו-הנבֿיא אים באַוויזן, אָבער אַזוי ווי רב ליבער האָט זיך געיאָגט ווײַל ער האָט נישט געוואָלט פֿאַרפֿאַסן דעם טאָג-מאַרק, האָט ער אים געענטפֿערט:

- איך האָב איצט קיין צײַט נישט, איך לויף קויפֿן אַ לעמעלע פֿאַר אַן אָרעמע אַלמנה!...

האָט דער ריזשינער אויסגעפֿירט:

- **אליהו-הנבֿיא האָט געהאַט גילוי רב ליבער**



רבי אליעזר ליבער אַשכּנזי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תּכ"ז (1667) און נפֿטר געוואָרן כּ"ח בחשוון תּקל"א אין בערדיטשעו.

**ציון פֿון רבי ליבער אַשכּנזי אין בערדיטשעוו**

הבעש"ט הקדוש האָט געזאָגט: עס זענען פֿאַראַן צדיקים וואָס זענען זוכה צו גילוי אליהו, בײַ ר' ליבערן אָבער איז געווען פֿאַרקערט, אליהו-הנבֿיא  האָט זוכה געווען צו גילוי ר' ליבער.

## **ווערבן**

| ווערב | טײַטש | שורש | צײַט |
|---|---|---|---|
| ער האָט פֿאַרציילט | | | |
| ער האָט געהאַט | | | |
| איז געפֿאָרן | | | |
| ער האָט געהערט | | | |
| זי וויינט | | | |
| ער האָט זיך אָפּגעשטעלט | | | |
| האָט געפֿרעגט | | | |
| וויינסטו | | | |
| ער האָט געענטפֿערט | | | |
| איך בין | | | |
| איך האָב געצויגן | | | |
| איך דערנער | | | |
| עס איז געשען | | | |
| עס האָט געפּגרט | | | |
| נעם | | | |
| איך וועל באַזאָרגן | | | |
| עס האָט זיך באַוויזן | | | |
| ער האָט זיך געיאָט | | | |
| ער האָט נישט געוואָלט | | | |
| איך לויף | | | |
| ער איז געבוירן געוואָרן | | | |
| ער איז נפֿטר געוואָרן | | | |

## אויף ווענען, אויף וואָס ווערט געזאָגט?

□האָט אַרציילט ווי אַזוי אליהו-הנבֿיא אַליין האָט געהאַט אַ גילוי

□וויין נישט.

□איך האָב געהאַט אַ לעמעלע

□עס האָט געפּגרט

□ איך וועל דיר באַזאָרגן אַ פֿריש לעמעלע

□עס האָט זיך באַוויזן

□איך לויף קויפֿן אַ לעמעלע

□האָט אויסגעפֿירט

□האָט געהאַט גילוי רב ליבער

□זענען זוכה צו גילוי אליהו, איז געווען

□האָט זוכה געווען צו גילוי ר' ליבער

### וואָס איז דאָס?









## ציִען אַ פּאַס זאַץ / בילד

➢ זי פֿאַרקויפֿט מילך אויפֿן רינעק און מיט די פּאָר גראָשנס דערנערט מײַנע יתומים.
➢ איך האָב געהאַט אַ לעמעלע
➢ געלט

## דערגאַנצן דעם זאַץ

- אליהו-הנבֿיא אַליין האָט געהאַט אַ גילוי____________________.
- רב ליבער-הגדול איז אַ מאָל געפֿאָרן ___ _ _____ און געטראָגט אַ גרויסע סומע ___.
- רב ליבער געהערט ווי אַ פֿרוי _____.
- זי האָט דערציילט אַז זי איז _ ________,
- זי פֿאַרקויפֿט_____.
- דאָס לעמעלע _____ _______.
- זי ווייסט נישט פֿון וואַנען וועט זי האָבן _ ______?
- רב ליבער האָט איר געגעבן _________ און איז אַרויס ______ אַ לעמעלע .
- אליהו-הנבֿיא האָט זיך ______ן.
- אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין ___, ווײַל ער איז געלאָפֿן קויפֿן אַ לעמעלע פֿאַר אַן אַלמנה!...

## ווער מיינט מען? / למי מתכוונים

**ער** האָט זיך אָפּגעשטעלט. און געפֿרעגט:
**זי** האָט געענטפֿערט: **איך** בין אַן אַלמנה, **איך** האָב געהאַט אַ לעמעלע.
**עס** האָט געפגרט.
**איך** וועל **עס** **דיר** באַזאָרגן.
אליהו-הנבֿיא האָט זיך **אים** באַוויזן.

**גדולה ______________________ מי קבלת גילוי-אליהו**